1 - גען

אָריגינאַל

.1 - גען

גען ! - דער, ען. פּפּ |אוזווגסטוטש| גענע, די, =ס.

(ביאָל) דער טרעגער פֿון ירושהדיקייט אין די

כראָמאָזאָמען פֿון קעמערל, דער פֿאַקטאָר וואָס באַשטימט

די אַנטוויקלונג פֿון די אָדער אַנדערע אייגנשאַפֿטן

פֿון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

1929 " די צילן פֿון דער עוגעניק |...| זײַנען קלאָר:

1504 דערקענען גענוי די ירושה=ווערטן (גענען), די

איינגעבאָרענע שטריכן |...|". פֿער 70, נ' 6.

1968 " די עבֿירות, שוין אויסגעמידטע, // זענען - אַלע

1503 מײַנע אויסגעדינטע, אור=משפּחהדיקע גענען".

גלאַטשטיין, פֿער 9, פּסח=נומער, ז' 12.

?נ? ג ע ן II - פרעפ. קיין (אין באַטײַט פֿון ריכטונג).

1544 " דער אִידל קוניג דוד אונ׳ אל זיין מאן.//

גאר מיט גרושן אִירן געגן ירושלים קאם". שמואל=בוך, 10

סטראָפֿע 1340.

1544 " דא ער קאם געגן גילון היים אין זיין שטאט".

דצוו, סטראָפֿע 1529. 6

3 – גע

ג ע נ אָ ג ט – פֿאַר פֿון נאָגן.

4 - גל ג ע נ אָ ג ל ט - אַדי/אַדור. וואָס איז מיט נעגל (טשוועקעס); באַנאָגלט.

1819 " די חכמימס רייד זעניך וויא גינאַגילטע
שטעקינס |...|". איבז סאַטאַנאַוּוער, קהלת, יב - 11. 19

1955 " זייערע שוואַרצע גענאָגלטע שטיוול=טריט".
שפּיגל, 3, 187. 16

גענאָגלט און געמאָסטן - (לאַקל, סאַניק)" פּינקטלעך גענאַכט די אַרבעט"|קטוו|.

גינאַגלט.

1668 " דא האט מען גימאכט גרושי שטארקי, אייזרני
רינג גאר דיך דאריין גינאגלט |...|". 17
יוסיפון, 3, דף ל"ה - 2.

ג ע נ אָ́ ד – ⇐---- גנאָד.

ג ע נ אָ ד ז ע ט/ג ע נ אָ ד ז ש ע ט – <u>פֿאַר פֿון</u>

<u>נאָדזען/נאָדזשען</u>.

7 - [illegible]

ג ע נ אָ ד י ק(יי ט) - ----⟸ <u>גנאָדיק(ייט)</u>.

8 – גנ

ג ע נ אָ ד ל ט – אַדי/אַדוו. 1. וואָס איז מיט נאָדלען, שטעכלקעס, שטעכיק ווי מיט נאָדלען.

1970 " |איך| בין פאר דיר א יעזש געגאדלט מיט עבירות". אליצקי, 4, 12. 93

2. (שנש) געניִיט.

1919 " |...| אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע קליידער: אַ ווײַיס געוואַשן גענאָדלט פּריסקעלע |?|, וואָס איז געווען אויפּגעשטעלט און פֿאַרדעקט די אויערן". אש, 5, 54. 94

1948 " דײַנע בגדים – // פֿון מאַמישע פֿינגער גענאָדלט". סוצקעווער, 4, 8. 95

~~רעד: פֿון דעם קורצן קאָנטעקסט איז ניט אין גאַנצן קלאָר צי "גענאָדלט" מיינט דאָ "געניִיט".~~

9 - גנ

גענ - [illegible].

?נ? |גענאָדן| ג י נ ו ד ן - <u>טרוו</u>.גענאָדיק זײַן, טאָן
גענאָד.

" גוט זול אונש <u>גינודן</u> דורך זיין דר בארמונג 1544
גרוש". <u>שמואל=בוך, סטראָפֿע 1766</u>. 161

??נ? ג ע נ אָ ט י פֿ – דער, =ן. |אויסטײַטש-זען ציטאַטע|.

1930 " אונטער גנאַטיפֿ פֿאַרשטייט מען דעם סימן אָדער אייגנשאַפֿט, וואָס דער מענטש האָט באַקומען בירושה". 100

~~[illegible]~~ נ׳ 24.
(פּור׳ 151,)

|| גענאַטיפֿיש – אַדי/אַדוו. וואָס איז שײַכדיק צו גענאָטיפּ.

1929 " בײַ סאָציאַלע קראַנקייטן |...| שפּילן אַ גרויסע ראָלע, אַחוץ אויסערלעכע פענאָטיפּישע פֿאַקטאָרן, |...| אויך אינערלעכע גענאָטיפּישע מאָמענטן, ווי למשל, אָנגעבאָרענע |=אײַנגעבאָרענע| נייגונג, ירושהדיקייט, קאָנסטיטוציע". 101

~~[illegible]~~ נ׳ 7.
(פּור׳ 70,)

(גע) נ אָ ט י ר ט - פֿאַר פֿון נאָטירן. (?נ?)

12 - גל

102 ?נ? ג ע נ אָ י - ----> גנאָי.

ג ע נ אַ י ע ט - פֿאַר פֿון נאַיען.

ג ע נ אָ ך - אַדור. נאָר אין דעם אויסדרוק:

מער

גענוג און גענאָך - איבער גענוג, ווי גענוג|סטוטש 67|.

15 - גנ

ג ע נ אַ מ נ י צ ע  – די, =ס. ווע צו געגאַמניק.

16 - גל

געג – [redacted].

ג ע נ א מ נ י ק / ג ע נ אָ מ נ י ק – <u>דער, =עס.</u>

1. פּאַסודניאַק, מנוּוול, אויסוואָרף |<u>סטוטש 597,574; לב</u>|.

2. (<u>פּעיאַ</u>) וועגן אַ געטאָרבענעם קריסט |<u>~~דש׳ פּש 1~~, ז׳ 173</u>| (פּלר 161,).

ג ע נ אַ נ ט – אַדי/אדוו. 1.(עלט) גערופֿן, אָנגערופֿן (מיטן נאָמען).

2. (דטשמ?) אָנגערופֿן, דערמאָנט (פֿריִער).

1865 " פֿאַר די אונטער 2 |...| גענאַנטע סאָרטן |טיי|
118 טרעט דער צאָל ערשט נאָך דריַי מאָנאַט איַין; פֿאַר
די אַנדערע – באַלד". צ"קמ, ב' 25, ז' 378. פֿוז 177,

1895 " נאָך משׁת ימי בראשית, ווי ייִדן זענען
118/א גענאַנט, האָבן אַלע גליַיך געטראָגן |...| דעם אייגענעם
פֿאַסאָן |קליידער|, וואָס אַלע פּוילישע ייִדן טראָגן נאָך
היַינט". ליניעצקי, 9, 106 – 107.

1932 " דער מחבר פֿון דעם גענאַנטן ספֿר איז זיכער
115 געווען אַ מאַן פֿון גרויס חריפֿות". פֿינק, 1.

■ גינאַנט / גינענט

■ ←--- 1.

1544 " ער גינג אויבר איין קרויט דש פולמוס גינאַנט".
113 שמואל=בוך, סטראָפֿע 514.

1661 " דא וואקסט אונ' שפרוצט דער בוים (אפרסמון)
112 דער דא גינענט ווערט באלסם |...|". יוסיפון,2,דף קל"ב.

|?1750| " משה בן עמרם בין איך גינאַנט |...|".
116 משה=רבינו=בשרייבונג, ציט זש' בק., ב' 50, ז' 19.
(פֿוז 38,)

ג ע נ אַ יס – דאָס, |באַ?| "לײַכטער אויסשיט, אויף
דעם קעפּל פֿון אַ קינד" |קשוו|. 119 - 120

18/1

19

ג ע נ אָ ס י ד – דער, בא. דאָס פֿאַרטיליקן אויף אַ סיסטעמאַטישן און באַוווּסטזיניקן אופֿן אַ פֿאָלק, אַן עטנישע גרופּע.

ג ע נ אָ ס ן ! – פאר פון ניסן.

ג ע נ אָ ס ן !! - פֿאַר פֿון גענישן.

גענאָסנשאַפט - די, =ן. (דטשמ?).

1. חבֿרשאַפֿט, קאַמעראַדנשאַפֿט.

2. פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטער פֿאַר צוועקן פֿון בשותּפֿותדיקער פּראָדוקציע אָדער האַנדל; קאָאָפּעראַטיוו.

1902 " יעדער קען ווערן אַ מיטגליד פֿון אַ סאָציאַליסטישע(ר) 140
גענאָסנשאַפֿט. |...| ער קויפֿט אַן אַקציע, |...| דער
פּרייַז פֿון דער אַקציע ווערט אָפּגערעכנט פֿון רווח,
וואָס דער מיטגליד באַקומט". איבז, |ווער?|.
דיא קאָנסום גענאססענשאפטען.

|| גענאָסנשאַפֿטלעך - אַדי/אַדוו. שייַכדיק צו גענאָסנשאַפֿט.

1910 " געווייִנטלעך וואָלט דער פּויער בעסער געקויפֿט בייַ 144
אַ ייִדן, ער קען מיט אים גרינגער אויסקומען ווי מיט
זייַן רעליגיאָנס=גענאָסנשאַפֿטלעכן הויטשינדער דעם
פּאָליאַק". ראָזענפֿעלד, 7, 222.

21 - SH

ג ע נ אָ ס ע - דער, מצ גענאָסן. (דטשמ?) חבֿר פֿון אַ פֿאַראיין, פּאַרטיי אד"גל, געניצט אין די ייִדישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע קרייזן סוף XIX אָנהייב XX י"ה.

1930 " אויפֿן וואָקזאַל האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ גענאָסע".
148 איינהאָרן, 7, 194.

1947 " איך ענדיק מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אַן אויפֿרוף
149 צו די פּוילישע גענאָסן, |...|". יזב ~~[illegible]~~, ז' 170.

|| גענאָסיכע - די, =ס. (איר) חבֿרטע, ווע צו גענאָסע.

1935 " ער פֿלעגט גיין ביי דער זייט // פֿון גענאָסיכע
147 יענטע". ליעסין, 1, 257.

21/1

רעד: מעגלעך, אַז ס'איז אַ טעות און ס'דאַרף זײַן "גענאַסינע"; זען דאָס ליד אין גאַנצן!

**גענאַסינ(ע)** - די, =ס. װעיצו גענאַסע.

1931 " און דאָס ליטעראַרישע מײדל האָט זיך באַװיזן אין לאַנד. דאָס איז בפּירוש נישט די אַמאַליקע **גענאַסינע** און אױך ניט די אַנאַרכיסטקע פֿון די קאָלאָניעס פֿאַר 'פֿרײַער ליבע'". ל. שאַפּירא, 2, 152-3. 123

**גינוס(ע)**. מה"ד: Genoz(e)

1687 " ער גינג אלי שטרוסן // אונ' פרוגט אלי זייני **גינוסן** // נימאנט וואושט אים נישט צו בישיידן". 133

ס' המשלים, דף מז - II.

22 - גע

ג ע נ אָ צ י ד - דער, בא. פּפּ (אַמ) גענאָסײַד.

פֿאָלקערמאָרד, דאָס אומברענגען מאַסנווייז מענטשן פֿון

אַ געוויסן פֿאָלק.

[redacted] - גען

1972 " אַ קליינע הפֿסקה אין גענאָסײַד פֿון דער

ייִדישער קולטור אין ראַטן=פֿאַרבאַנד אין געווען אין 137

דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט=מלחמה".

ר. גאָלדבערג, זש. גק. נ' 77, ז' 84.

(פּוס 38)

ג ע נ אַ ק ל – דאַס, |=עק?|. (שנײַדערײַ)

163 "װוּעסטל" |קטון|.

24 - גנב

?נ? ■ |גענאַקן| ג ע נ אַ ק י ן – גענײק, נאַקן.

1744 " דער שרעקן קומט דען מענשן גלייך פאר אז

וואן מאן זאלט אים צו ברעכין מיט איין שטעקין זיין 164

גענאַקין". בחינות עולם, 1, דף טז – 3.

25 - גנב

גענאַר - דאָס, בא. נאַרעריַי, אָפּנאַרעריַי.

1964 "דאָס גאַנצע פֿאַרגליַיכעניש |...| איז געווען

165 ביַי אים ניט מער ווי אַ גענאַר". י. קאַפּלאַן, 178,1.

1967 " אַזאַ מין זעלבסטגענאַר". ב. העלער, 66,1. 167

ד האָבן ס'גענאַר (אין/אויס עמעצן) - 1. אָפּנאַרן.

1814 " דער וואָס קריפֿדיט |=קריוודעט| אייך אָרומאַן

183 האָטר עס גינאַר אויס זייך בשעפֿר |...|".

איבז, סאַטאַנאַוועער, משלי, יד - 31.

1866 " די לערער האָבן דאָס גענאַר געהאַט אויס די

178 פּראָסטאַקעס |...|". ~~צ' קמ~~, ג' 17, ז' 267.

(פֿלן 177

196... " דאָס איז נישט קא ייִד מיט אַ ייִדיש האַרץ, נאָר

אַ גזלן, אַ באַנדיט. מיר זענען געווען יאָלדן, רבי, 176

און ער האָט געהאַט אין אונדז ס'גענאַר".

באַשעוויס, 5, 210.

2. אַנטוישן זיך, ווערן אַנטוישט, פֿילן זיך אָפּגענאַרט.

1923 " רעד אַ ביסל ווייניקער און קוק אין טעלער אַרײַן.

דער מאָגן האָט ס'גענאַר, אַז מע קוקט נישט אין טעלער 180

אַרײַן". נײַמאַן, 1, 117.

1964 " די אַלטע צרה מיטן וואָרט 'דיסאַפּאָינטעד',

וואָס באַלד פּסקנט מען אָפּ, אַז ס'איז אין ייִדיש ניטאָ

קיין וואָרט דערפֿאַר. ווידער אַ טעות: ייִדן – איידער

זיי האָבן געניצט ענגליש – פֿלעגן זאָגן 'אוי,

האָב איך געהאַט דאָס גענאַר אין אים!'"*

י. וואַלאַר, [illegible] 27/IX.

27-

מאכן ס'געגאר (פון/אויס)עמעצן - אָפּנאַרן, מאַכן יענעם צום נאַר, אויסשטעלן אויף חוזק, אָפּלאַכן פון אים.

1886 " אַלע זאַלן פון איַיך מאַכן אַזוי דאָס געגאַר, אַזוי ווי איר האָט איצט פון מיר געמאַכט". בעקערמאַן, 17,6. 179

1936 " די באָבע |...| האָט קודם=כל נישט געוואָלט גלייבן די גאַנצע מעשה, געמיינט, אַז דאָס מאַכט מען פון איר ס'געגאַר |...|". האראַנטשיק, 3, 202. 188

1968 " שטייט אַן אַלטע הור און שפּעט // און מאַכט ס'געגאַר". לעיעלעס, 6, 89. 169

שור: אין אַרעמאַן האָט יעדער ס'געגאַר. פון אַן אייגענעם (וואָר: ביַי א היימישן)האָט מען דאָס געגאַר.

?ב? ג ע נ אַ ר ט – פֿאַר פֿון נאַרן און גענאַרן.

|| גענאַרטערהייט – אדוו. אין מצב (אָדער אין דער צײַט) פֿון זײַן גענאַרט/אָפּגענאַרט.

1957 "אַוודאי דאַרף מען אַ ברכה |...|, אָבער מיר דאַרפֿן
וויסן ניט גענאַרטערהייט, אַז מיט אַ ברכה אַליין וועלן 195
מיר די וועלט ניט דורכגיין". אנ, ליקוטי=דיבורים,
דף |?|, נ"ז.

גענאַרטקייט – די/דאָס, בא. 1. אייגנקייט אָדער מצב פֿון זײַן גענאַרט. % ס'האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דאָס געפֿיל פֿון גענאַרטקייט, אַז מע זאָגט אים ניט דעם גאַנצן אמת.

2. אַנטוישונג |סטוטש 537|.

29 - גנב

ג ע נ אַ ר ן - טרוו, פֿאַר געגנאַרט. ניט זאָגן דעם אמת, אַרײַנפֿירן בכיוון אין אַ טעות, פֿאַרפֿירן, באַגײן זיך ניט ערלעך מיט עמעצן; נאַרן; אָפּנאַרן.

1886 " און אײַך לעזער וואָלט מען ניט גענאַרט מיט געשיכטעס, וואָס מע דרוקט איבער". בעקערמאַן 4,6. 205

1930-1926 " זי וועט דעם פֿאָטער קײן מאָל נישט זאָגן, אַז זי ליבט זאַנוולען דעם פֿערד=גנב, אַז איר גאַנצער טראַכטן איז נישט מער ווי אַ זיסער צײַטפֿאַרטרײַב, אַז זי גענאַרט זיך זעלבסט". אָפּאַטאָשו, 5, 89. 213

1974 " די צרה איז די, וואָס יענע אײדלשטײנער זענען זײער ענלעך צו פֿונקען אָדער צו קלײנע בליצן, און דעריבער דאַרף מען זײַן זײער אַכט פֿאַכמאַן זיך ניט צו גענאַרן". סוצקעווער, 7, 132. קאנק

גענאַרן זיך - נאַרן זיך אַלײן, אַנטוישן זיך |אהוו|.

גענאַרונג - די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּנאַרן.

2. אַנטוישונג |אהוו|.

|| גענאַרעניש - דאָס, בא. |סטוטש 346|.

דזוו גענאַרערײַ.

גענאַרער - דער, =ס, ווע גענאַרערין/גענאַרערקע.

דער/די וואָס גענאַרט.

1966 " דער גענאַרער האָט גענאַרט ניט אײן קהילה".

מ.מ. שאַפּיר, 2, 52. 236

גענאַרערײַ - דאָס, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון

גענאַרן.

1832 " די רייד פֿון מיין מויל זענען גרעכט און

גינארערייא". מחזור, 2, דף קמא/א. 245

1870 " די קינדער זעען דערינען אַרויס נאָר פֿאַלשקייט

און קעגנזײַטיקע גענאַרערײַ". נ. הערשענהאָרן. 240

פנקס 177 [illegible] נ' 40, ז' 293/III.

31 1947 " איך קאָפּ לויפֿן אַרײַן נײַע רעפֿלעקסן, צוזאָגענישן,

גענאַרערײַען". סעגאַלאָוויטש, 11, 213. 243

גענאַרעריש - אַדי/אַדוו. ניט אמתדיק, פֿאַלש, פֿאַרפֿירעריש.

% קיינער גלייבט ניט זײַנע גענאַרערישע רייד, קיין

וואָר וואָרט הערט מען ניט פֿון אים. 246

(פֿול): שמור לי ואשמור לך. איך לאָז מיך גענאַרן און דו

לאָז דיך גענאַרן |סטוטש 363| - בנב.

האָפֿן און האַרן איז זיך אַליין גענאַרן - ~~[illegible]~~

ווען אַ מענטש פֿאַרלאָזט זיך אויף פּוסטע חלומות,

אילוזיעס, נאַרט ער זיך אַליין.

ם

**גינארן.**

1716 " אונ׳ שייד דיך אב פון אלירלייא גניבות אונ׳

203 קיינם צו גינארן אדר גזלן |...|". חובות הלבבות,1,

דף קמט - 1.

|| **גנאריריי.**

1752 " דאש |דאס בעטן מחילה קאָלעקטיוו| איז אייטל

239 נאריטיי אונ׳ גנאריריי נוא וואש איז ער דאר מיט

בהילפג |...|". ספר דרך חיים, סא - 1.

33 - עת

גענארניק - דער, =עס, ווע גענארניצע.

דער וואָס גענאַרט, נאַרט אָפּ; אָפּנאַרער, רמאי.

% גלייב ניט אָט דעם גענאַרניק, ס'איז ליגן וואָס ער

זאָגט. לערן גוט "!נגעלע, זײַ ניט קיין גענאַרניק!

ער איז אַ גוטער בעל=מלאכה, ניט קיין גענאַרניק.

1929 " דאָך איז מחר=טוב פֿון תמיד אָן געווען ניט

קיין גענאַרניק אַ משכיל און האָט געקענט אויף 234

לשון=קודש שיין באַמאָלן אַ זאַך". בערגעלסאָן, 12, 64.

1968 " איך בין ניט קיין שלעכטער מיטהעלפֿער, ניט

קיין גענאַרניק". אי. קיפּניס, ~~זש' סאוו' הײמלאנד,~~ 233

פֿער 131,

נ' 6, ז' 23.

34 - לד

ג ע נ אָ ש ט - פֿאַר פֿון נאַשן.

35 - גענ

גענג - מצ פֿון גאַנג.

|| גענגעלע - דאס, =ך. 1. צווייטע פֿקפֿ פֿון גאַנג.

2. טריק, קונץ, שפּיצל.

געג – [redacted].

ג ע נ ג II – דער, =ס. (אַמ) חבֿרותא, באַנדע, כנופֿיא.

1930–1926 " דער גאַנצער 'געגנג', וואָס האַלט זיך אויף

ביַי זיַין בעל=הביתטע אין 'סטיישאַנערי=סטאָר' |...|". 258

אַפּאַטאַשו, 6, 7.

37 - גל

ג ע נ ג ל - דאס, =ער. ערשטע פקפ פון גאנג. [illegible]

ג ע נ ג ל ע ך - אַדי/אַדוו. (שנש? רוס???) געוויינטלעך, טאָג=טעגלעך.

1956 " |...| זיך פֿאַרוווּנדערן, פֿאַר וואָס ער זעט ניט דאָ קיין איינפֿאַרשטאַנד צו זײַנע גענגלעכע געברויכן". מאַרקיש, 11, 529. 273

רעד: ניט זיכער אין אַ ויסטײַיטש, נייטיק אַ ברייטערער קאָנטעקסט.

?נ? ג ע נ ג ל ע ן – אוטוו. (שנש?) שפּאַנען מיט קליינע
טריט, אונטערטענצלען.

1963 "האַט ער שוין געמיטלעך און אַפילו פֿריילעך
274 געגענגלט מיט די צוויי עמערס וואַסער |...|
און צוגעזונגען אַ שטיפּעריש טעאַטער=קופּלעטל".
פֿון 47
מ. גראַסמאַן, זש' ~~היימיש~~, תשרי, ז' 30/I.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ג ע נ ג ס ט ע ר — דער, =ס. (אַמ) באַנדיט, גזלן,
אונטערוועלט=מענטש, ~~אויספּרעסער~~.

1916 " אַ גענגסטער איז ערגער פֿון אַ גזלן, וואָרעם
קאנק אַ גזלן איז אַ גזלן, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער
גזלן". שלום=עליכם, 8ב, 223.

1930–1926 " דו מיינסט, ביסט בײַ דיר איך שאַפֿ,
278 ווי דו שטעלסט אַן 'גענגסטערס' מען זאָל צעברעכן
יעדן שטרײַק?" אַפּאַטאַשו, 7, 207.

1962 " דעריבער האָבן איצט די באַאַמטע אַ נײַעם
275 צוגאַנג בײַם ארויספּישן די באַהאַלטענע גענגסטערס".
ד. קראנץ, ~~צײַטמ.~~ פּרז 69, XI/11.

|| גענגסטעריזם — דער, בא. מעשים אָדער מעטאָדן
פֿון גענגסטערס.

גענגסטעריש — אַדי/אַדוו. (ווי) פֿון אַ גענגסטער,
באַנדיטיש, מערדעריש.

1970 " די זעלבע דײַטשע גענגסטערישע סיסטעמאַטישקייט
281 וואָס האָט לויט אַ פּאַרויס אויסגעאַרבעטן פּלאַן באַשטימט
אַלע שטאַפּלען און אופֿנים פֿון מאַסנמאָרד".
יזב סאָנץ, ז' 15, 721.

ג ע֜ נ ג ע ל ע – 1 דאס, =ער. צווייטע פקפ פון גאנג. ~~[illegible]~~

2. טריק, קול, שפּ 23 [אווו].

42 - גל

ג ע נ ג ע ן I - אוטור. 1. אַרויסגעבן די קלאַנגען

געען=געען=געען (וועגן געענדן).

(בילדער פֿון אַ פּראָווינצ-רייזע)

× 1890 " פֿון די סוכּות קרייען אַרויס הענער,

קוואַקען היגער און גענדז געגעען". פּרץ 171,6. 293

2. (פֿיג) "רעדן אונטער דער נאָז, פּאַנפּען" |קטור|.

ג ע נ ג ע ן !! – (דיאַל? פּטמ?) שטאַרבן, אויסגיין ("גיין אַ גאַנג").

... " ער איז מסוכן קראַנק. ער ליגט צו בעט, הײַנט= מאָרגן וועט ער גענגען". בערגעלסאָן...



**רעד:** ניט זיכער איך אויסטייטש. ביי דער ציטאטע איז אנגעגעבן בלויז ׳בערג׳, ס׳מיינט בערגעלסאן, אָן קיין שום אנדערע ביבליאגראפישע דאטן.

חוץ דעם: דאס זוכווארט אויפן קארטל איז ׳גענגען׳, אבער אין טעקסט פון דער ציטאטע שטייט ׳געגנען׳.

אפשר וויסט עמעצער פון וואנען די ציטאטע און קאן נאכזען וואס איז ריכטיק און וואס מיינט עס.

44 – גא

ג ע נ ד ז ל – דאס, =ער. ערשטע פּקפּ פון גאנדז.

ג ע נ ד ז

ג ע נ ד ז י ק – <u>אַדי/אַדוו</u>. (<u>שנש?</u>) ווי בײַ אַ גאַנדז
(וועגן הויט, וואָס בערגלט זיך פֿון קעלט אָדער פֿון שרעק).

1972 " דער לײַכטער ווינט, וואָס האָט זיך געשפּילט
מיט די שיטערע האָר אויפֿן שאַרבן, האָט <u>געגנדזיק</u> 321
געמאַכט די הויט איבערן גאַנצן לײַב". <u>ראָזענפֿאַרב, 3, 380</u>.

46

47 - גאל

גענ - [redacted].

ג ע נ ד ז ל( י ) אַ ר נ י ע - די. =ס. אַרט ווו.

מע פֿאַרקויפֿט גענדז, (ס'רוב שוין געשאָכטענע).

... " באַלאָדן מיט קוישן און קיישלעך אויף שבת,

אַ סימן - זיי זענען געווען אין גענדזלאַרניע". 330

קאַצינע. 3, 22.

1968 " פֿון דער גענדזליאַרניע אין הויף האָבן ביז

חצות זיך געטראָגן געשרייען פֿון מענטשן, הינער קאנק

און הענער". גראַדע. 7, 209.

48 – גל

ג ע נ ד ז ל ע ן – ~~[illegible]~~ (א/מפ מיט אַקוזאַטיוו.

1. פֿילן אַ רייץ, אַ שמאַרץ, קיצלעניש. % ס'געגדזלט אים.

ס'גענדזלט מיך אין האַלדז.

1902 " איבעוויניק אין בויך גענדזלט מיך, אין

348 האַלדז שטיקט מיך, איך פֿיל, אַז עס עקט זיך מיר

דאָס חיות". שלום=עליכם, 27, 88.

1943 " אומזיסט געפּטרטע רציחה גענדזלט, קרייזלט

340 ער פֿויסטן פֿאַמעלעך |...|". באַריישאַ, 3, 361.

1966 " ס'גענדזלט מיך אין פּופּיק". באַשעוויס, צי־פּאָר, [illegible] 155,

339 IX/2.

2. (פֿיג) "קריגן חשק צו עפּעס, דערפֿילן אַ צײַעניש צו

......"

1926 " ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו אים, זיך
אײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן, האָב איך דערפֿילט, 341
ווי די הויט נעמט זיך בײַ מיר גענדזלען".
אָפּאַטאָשו, 3, 96.

1947 " ס'האָט זיך גענומען גענדזלען די הויט אויף
אירן אַן אָפּענעם אָרעם". באַריישאַ, 4, 204. 345

2. (פֿיג) שפּירן אַ רייץ, אַ גלוסטעניש, אויך ווען
סעקסועלן באַגער. % עס גענדזלט זיך מיר
שטאַרק צו באָדן זיך אין ים, אָבער כ'קען ניט
שווימען.

1935 " באַשר=בכן איצטער פֿאַרט דײַנער אין דער
קאַרעטע - גענדזלט זיך דיר צו חכמענען". 343
דאַווידזאָן, 1, 133.

... " יוגנט, וואָס עס גענדזלט זיך |...|".
קאַציזנע, 4, 282. 351

50 1964 " אונדזער אַדון כאַפּט זיך שוין שטודירן אַן
אַנדער פֿאַך. אים גענדזלט זיך גאָר אַרבעטן מיטן
בעזעמל אַלס באַד=גױ". י. קאַפּלאַן, 1, 241.

346

3. "װערן רײַך, פּוצן זיך". |י. זיפּער, צװישן טײַכן |..., |, מאָנטרעאָל, 1961, ז' 413|.

"עס גענדזלט זיך" - "ס'לעבט זיך גוט, פּעטס רינט
פֿון מויל"|קטור|.

51 - גאַל

פּפּ גענדזלער,

גענדזלער - דער, =ס. פּאַרקויפער פון גענדז (ס׳רוב שוין געשאָכטענע).

1967 " דער גענדזלער וועט דערזען אַז אַנגעלויפן, וועט ער זיך דערשרעקן". גראַדע, צ׳ שמג, 5/V.
358

פּור 69

1974 " אַזוי ווי קיין אָפּיציעל שעכטהויז איז אין

357 נײַ=פּראַגע נישט געווען, האָט ר' שמעון געמוזט שעכטן

אומלעגאַל, בײַ די קצבֿים אין זייערע קעלערס, בײַ

די גענדזלערס אין די קאַמערס". יזב ~~פּראַגע~~ 17, ז' 155.

|| גענדזלערין - די, =ס. ווע צו גענדזלער.

1912 " מאַטלשי, דו האָסט דאָך מיר געזאָלט געבן די

904 שיך אָפּצוטראָגן דער גענדזלערין. וועלכע זענען זיי

דאָס?" פּ. פּרילוצקי, 1, 8.

גענדזלערקע - ווע ~~פֿון~~ 13 גענדזלער.

1938 " |...| האָט זיך אַ טעפּערקע און אַ גענדזלערקע

361 צעפּאַטשט |...|". שניאור, 3, 175.

1960 " פֿון זעלביקן מין ווי די קאַוונער הינערניצעס

359 זײַנען די באַקאַנטע גענדזלערקעס". מ.וו. בערנשטיין,

~~[illegible]~~ פֿאָר 90, XX-1, ז', 25.

ג ע נ ד ז ן - 1. אַדי. (ווי)פֿון אַ גאַנדז/גענדז.

אַ גענדזן פֿיסל. די גענדזענע שמאַלץ.

דער גענדזענער וווּרשט. אַ מאָל פֿלעגט מען שרײַבן

מיט גענדזענע פֿעדערס. פֿון שרעק האָט ער געקריגן

אַ גענדזענע הויט.

1898 " זיי האָבן עפּעס אָנגעהויבן צו שפּירן, אַז זיי

זענען ניצלעכע מענטשן אויף דער וועלט, נישט בלויז 375

אַרײַנצורוקן אַ באָרשט, אַ קרופּניק אָדער אַ גענדזענע

פֿאָלקע". ניימאַנאָוויץ, 1, 45.

1930 " דערמאָנענדיק זיך, ווי חעמיע נאָגט אַ גענדזן

ביינדל, |...| זאָגט זי צו איר גנענדלען: ווייסט וואָס, 382

עפּעס קענען יעצט נישט עסן". מיצמאַכער, 1, 394.

1971 " דעם טעם, וואָס מיר האָבן געפֿילט אין דער

מאַמעס שבתדיקן קוגל, |...| אַ לאָקשענער |...| 373

אַ זיסער קוגל, פֿון גענדזענער לעבער מיט גרייפּלעך".

קיפּניס, 4, 85.

0 גענדזן=... באַשטימטייל פֿון סובסטאַנטיוון=

צונויפֿהעפֿטן. (ווי) פֿון אַ גאַנדז/גענדז.

גענדזנהויט - די, בא, אויך:גענדזענע הויט, גענדזן=הײַטל.

די הויט פֿון אַ מענטשן, ווען זי ווערט שאַרסטקע,

בערגלדיק, ווי בײַ אַ גאַנדז, צוליב דעם צונויפֿציִען,

אײַנשרימפּן זיך פֿון די בײַהאַריקע מוסקלען, פֿון קעלט

אָדער שרעק.

1922 " שרעק איך זיך בײַ נאַכט,// כ'קריג אַ גענדזן=הײַטל".

אוליצקאַווער, 1, 99. 907

1924 " די הויט ווערט טרוקן, ווי צוזאַמענגעצויגן

(״גענדזנהויט״), און די בלוטגעפעסן קענען אָפּגעבן 384

פּער 151,
וואָס ווייניקער וואַרעמקייט". זש׳ ~~פּגעת~~, נ׳ 7.

גענדזן=הענדלער – דער, =ס, ווע גענדזן=הענדלערקע.

דער/די וואָס האַנדלט מיט גענדז.

1887 " האָט ער גענומען מיך |...| און מאַטקען דעם

גענדזן=הענדלערס און האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אין 385

אַ פּוסטן שפּייַכלער |...|". י. בריאַנסקי, 1.

גענדזנוווּרשט – דער, =ן. ווורשט געפּילט מיט שמאַלץ

פֿון גענדז.

גענדזנווייַן – דער, בא. (פּטמ. שפּאַסיק) וואַסער

|סטוטש 223|.

**גענדזנטראַט** – דער, ~ טריט, אויך: גענדזענע טריט.
וואַקלענדיקער, זיך וויגנדיקער גאַנג, ווי פֿון אַ גאַנדז.

1930 " |...| מיט גענדזענע טריט דורכשלײַכן זיך
דורך אַ געדראַנג פֿון מענטשן". אש, 11, 14. 364

1940 " זײַנע זאַצן זײַנען אונטערגעשטראָכן
מיט מאַרשירנדיקער 'גענדזנטראַט'=טעמפּאָ". 908
חיימאָוויטש, פּער 187, 230.

**גענדזנמאַרש** – דער, בא. 1. דאָס גיין אין אַ שורה
איינער הינטערן אַנדערן.
2. מיליטערישער אופֿן פֿון מאַרשירן מיט שטײַף
אויסגעצויגענע פֿיס, אַנקלאַפּנדיק זייער שטאַרק אין באָדן.

**גענדזנפּען** – די, =עס. דזוו גענדזן=פֿעדער.

1948 " אַ מזוזה מיט גענדזנפּען געשריבן און וואָרט
נאָך וואָרט געהיט און אות נאָך אות". סעגאַלאָוויטש, 53, 12. 403

**גענדזנפלייש** – דאס, בא. פלייש פון א גאנדז.

1836 " איך זיינען פון אומגוציגע עסנס |פאר א
מעוברתער פרוי| גענדזנפלייש און קאצקע (ענטעל), א/399
הארטע פעטע ים פיש". בערלאנט, 1, 6.

**גענדזן=פעדער** – די, =ס. פארצייטיקע פען צו שרייבן,
געמאכט פון א פעדער פון א גאנדז.

1910 " און זינט דער ערשטער 'שרייבער' איבעם ערשטן
'פריקאז' |~~[illegible]~~| האט שארף פארשפיצט זיין 400
**גענדזן=פעדער** |...|". פרוג, 2, 275.

**גענדזנפעטס** – דאס, בא. דאס פעטס אין דעם פלייש פון
א גאנדז.

<u>גענדזנשמאלץ</u> – <u>די, בא.</u> דאס צעלאזטע,אויסגעפרעגלטע
פעטס פון א גאנדז/גענדז.

1910 " |...| מיט <u>גענדזנשמאלץ</u>, ראקעס געהאקטע:
פאר נויט". <u>פרוג, 2, 305</u>. 911

1930 " מע מישט אויס העלפט אויף העלפט קאשע מיט
צעריבענע קארטאפל, מע גיט צו |...| <u>גענדזנשמאלץ</u> 413
|...| און מע לאזט עס צוברוינען אין א הייסן אויוון".
<u>שאפראן, 1, 23</u>.

1946 " אין יידישע שטובן האט מען געפרעגלט <u>גענדזנשמאלץ</u>
אויף פסח". <u>י.י. טרונק, 4, 121</u>. קאנק

<u>גענדזנשפאן</u> – <u>דער, =ען</u>. <u>דזוו</u> <u>גענדזנטראט</u>.

<u>ווייך ווי א גענדזן לעבל</u> – (<u>ווולג</u>) זייער ווייך.

<u>רעדן ווי אין א געגנדזעגעם תחת אריין</u> - (<u>וווּלג</u>)

"געזאגט ווען מע רעדט צו איינעם וואָס מאַכט זיך
ניט הערנדיק, ניט וויסנדיק פֿון וואָס מע רעדט צו
אים, נעמט זיך גאָר ניט איבער פֿון די רייד|<u>קשוו</u>|.

<u>הבוחן ובודק געגנדזענע סטרונעס</u> - שפּאַסיקער פּאַרדריי
פֿון".. גנזי נסתרות" |פֿון פּיוטי "וכל מאמינים שהוא..."|.

ם

<u>געגנזן</u>.

1718 " איך דיא נעגיל פון דיא <u>געגנזני</u> פיס איך
דיא שנעביל ערשט אפף שניידין אונ' טאר זיא ניט 372
בריאן איער |=איידער| מן זיא האט גיזאלצין".
<u>ברית מלח</u>.

0 **<u>גענזן שמאלץ</u>**

1717 " אך איז גוט |צו א ברוסטגעשוויר| ברען איין

טוך צו צונטר אונ' ריר |רײַב?| עש אן מיט <u>גענזן</u> 410

<u>שמאלץ</u> אונ' אויף דיא ברושט גיליגט". <u>ס' החיים</u>,

<u>דף נח - 2</u>.

ג ע נ ז ן=ב ל י מ ל - דאס, =ער. (באט) בלום.

1. (רוסנ Bellis Minor), דזוו מארגאריטקע.

2. דזוו גענדזנקרויט (רוסנ Chrysantemum leucantemum).

62 - גזל

ג ע נ ד ז נ ס - דאָס, בא. פּלייש פֿון אַ גאַנדז.

1867 " געגדזנס, פּוטער=קוכן און בוימל=קוכן |...|

914 זענען אויך ניט זייער געזונט צום עסן".

דאַנציג, 3, דף לז/א.

1944 " |...| האָבן דאָרט אַלע סמאָלינער יידן געשיפֿורט

קאנק און געגעסן געגדזנס מיט קרויט". י. י. טרונק, 3, 60.

1955 " די |דאָס?| צווייטע געריכט פּריַטיק=צו=נאַכט

391 איז געווען |...| אַ פֿיצל הון, און ווינטער ציַיט

- אַ שטיקל געגדזנס מיט לאָקשן |...|". ש. הורוויץ,

~~ישנים גאשם~~, XV - 3, ז' 91.

פּזר 90

גען - [redacted].

ג ע֒ נ ד ז נ פ̄ ו ס - דער, בא. (באט) מיך גראז
(ווסנ *Chenopodium*).

64 – 54 50

ג ע נ ד ז ן = פֿ יי ג ל – <u>די, מצ.</u> (<u>זאאל</u>)

ריי פֿון פֿייגל |<u>סטוטש 246</u>|.

65 ג ע נ ד ז ן = פֿ י ס ל ע ך  -  די, מצ. גראַפֿישער צייכן

אין דער פֿאָרעם פֿון צוויי קאָמעס, געניצט אין שרײַבן
און דרוקן פֿאַר און נאָך אַ ציטאַטע אָדער אַנדערע
אויסגעטיילטע ווערטער (למשל מיטן טעם פֿון איראָניע אד"גל);
ציטירקעס; ציטיר=צייכנס.

1936 " לסוף אָפּגעדרוקט דאָס בוך 'משה נאַדיר' מיט
394 מײַנע עסייען |...| אין קאַסאַקע גענדזן=פֿיסלעך".
נאַדיר, 10, 78.

1951 " ס'איז געווען אין דעם ייִד פֿון מאָהילעווער
396 רייסן א מין סינטעזע צווישן 'האַרץ' און 'קאָפּ',
איך ברענג די ווערטער אין גענדזן-פֿיסלעך,
מחמת דער דאָזיקער פֿונאַנדערטייל איז אין תוך אַ
[illegible] 106
קינסטלעכער". א. ציטלין, [illegible] 590.

1959 " דער 'פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט' האָט נאָך דאַן
398 געהאַט פֿאַר אים איראָנישע גענדזן=פֿיסלעך".
ניגער, 9, 57.

66 –

גענ – [redacted].

ג ע נ ד ז ן = צ י ב ל/= צ י ב ע ל ע – די, באַסטוטש 250

(באַט) בנב.

---

רעד: סטוטש גיט צו: (אַמ) דייזי. [daisy] אין אונדזערע

ענגלישע ווערטערביכער (וועבסטער, אַמעריקען קאַלעדזש א"א)

ניט געפֿונען אַזאַ וואָרט...

---

ג ע נ ד ז נ ש – דאָס, בא. (שנש) דער שטייגער אָדער
די שפּראַך פֿון גענדז.

|1912?| "אַ גאַנער טוט זיך אַ ווײַז אויפֿן שולהויף,
שטרעקט אויס דאָס העלדזל, גאַגאָטשעט אָפּ אַ 'מה=טובֿו' 407
בלשון ובנוסח גענדזנש |...|". מענדעלע, 24, 8.

68 - 5ע

ג ע נ ד ז ע ל ע - דאס, =ך. צווייטע פּקפּ פֿון גאנדז ~~[illegible]~~.

גענ - [redacted].

ג ע נ ד ז ע ר I – דער, =ס. דער גאָנער, דער "ער"
פֿון גענדז. % דער גענדזער גייט פֿאַרויס און נאָך
אים איז אַ שורה אַלע ווײַבער זײַנע, די גענדז.

ג ע נ ד ז ע ר II - דער, =ס, ווע געַנדזערקע.

דער/די וואָס פֿאַרקויפֿט גענדז.

194... " א גענדזערקע מיט אַ גרויסן קויש אָפּגעפּליקטע

יונגע גענדז". שניאור, קיסר און רבי, |ב?|, ז' 11. 423

1969 " איינקויפֿן אַ טשאַטע גענדז, דערנאָך זיי

פֿאַרקויפֿן צו די גענדזערקעס". ל. גאָטעסמאַן, 424

פֿרײַ 1

זשׁ אויפֿן שוועל, יאַנואַר.

ג ע נ ד ז ש ע ן ז י ך – <u>אוטור</u>. "האַלטן זיך גרויס,

בלאָזן פֿון זיך" |<u>קטור</u>|. 426 – 427

72 ~~75~~. - גענ

ג ע נ ה ר ג ט |גענערעגט| - פֿאַר פֿון נהרגן. ~~(מטרש 183)~~

|| **גענהרגט ווערן** - __אוטוו__. ווערן געהרגעט, אָדער שטאַרק צעהרגעט, צעשלאָגן. % ער איז געפֿאַלן פֿון די טרעפּ און שיִער ניט __גענהרגט געוואָרן__.

/7 **גענהרגט זאָלסטו ווערן**! - געהרגעט זאָלסטו ווערן! (__קללה__).

עמ' 73 ריק

74 - גל

59

ג ע נ ר א פּ ט |גענויעפּט| – <u>פֿאַר פּון</u> <u>נואָפּן</u>.

75

ג ע נ ו ג ! – אַדוו. 1. צופֿרידן שטעלנדיק, באַפֿרידיקנדיק, אַזוי פֿיל וויפֿל מע דאַרף/מע קען (אין סכום, מאָס, קוואַליטעט אד"גל). % ער אַרבעט ניט שווער, אָבער ער פֿאַרדינט גענוג געלט אויף אויסצוהאַלטן די משפּחה. דער תלמיד האָט ניט געלערנט גענוג, איז ער דורכגעפֿאַלן בײַם עקזאַמען.

1836 " ווען זי |די פֿרוי| האָט גענוג מילך |אין די בריסטן| זאָל זי זיי פֿאַרדעקן מיט ביבולע=פּאַפּיר ניט צו פֿאַרקילן". בערלאַנט, 1, 29. 562

| באַמ: דער אויסלייג מאָדערניזירט דורכן אויסשרײַבער.

1873 " וואָס זיי מאַכן קאַליע גלאַט אַזוי, וואָלט גענוג געווען דער קליאַטשע ביז קינדס=קינדס=קינדער!". מענדעלע, 1, קאַנק 37640. קאַנק

1904 " די עלטערע קינדער זײַנען שוין אויסגעשטאַטקעוועט, |...| זיי ווייסן, אַז וויפֿל מען גיט, דאַרף זײַן גענוג". רייזען, 3, 38. 492

1932 " סנאַריאַדן |=קוילן פֿאַר האַרמאַטן| איז דאָ גענוג,

599 בוכען מיר אַ גאַנצן טאָג און אויפֿהער". ברעגמאַן,2,229.

1953 " איך בין גענוג בעל=גאווה צו גלייבן, אַז

637 אייניקע פֿון מײַנע שריפֿטן וועלן מיך איבערלעבן".

גרינבערג, 2, 241.

2. (צוגעגעבן צו אַן אַדי/אַדוו) אין דער געהעריקער/
נייטיקער מדרגה פֿון דער קוואַליטעט (וואָס איז אָנגעוויזן,
אין אַדי/אַדוו). % דער זאַל איז גענוג גרויס
און וועט אַרײַננעמען עטלעכע הונדערט מענטשן.
די וואַנט איז נאָך גענוג שטאַרק, זי וועט ניט אײַנפֿאַלן.
זי האָט געקויפֿט אויף פּסח עטלעכע גענוג פֿעטע
גענדז.

1878 " איך בין גענוג עקאָנאָמיש |טעקסט: אוקאָנאָמיש|,

653 אַזאַ בעל=ביתטע ווי איך איז נישטאָ קיין סך".

ימבר"ע, 1, 35.

1908 " |...| צו שנײַדן אײַך, איר לומפּן,// בין איך

גוט גענוג". ראָזענפֿעלד, 2, 315. 528

1930/31 " |...| האָט ער זיך ערשט צײַט געהאַט צו

באַדענקען, ווי איך אים שטעקט גענוג גראָבע, 605

נישט אויסגעשליפֿענע רויקייט". ווייסנבערג, 9, 148.

1959 " |...| צי איז טאַקע באַרעכטיקט די מורא, אַז

אַ קינסטלער וועט ניט קאָנען זײַן גענוג אומפּאַרטייִיש, 679

ווען ער וועט זיך נעמען פֿאַר דער אָפּשאַצונג פֿון אַ

קאָלעגעס ווערק". ניגער, 9, 14.

3. איז אַ גרויסער מאָס, אַ סך; מער ווי מע דאַרף.

% דער משפּט האָט אים אָפּגעקאָסט גענוג געלט. זיי

האָבן זיך גענוג אָנגעליטן, ביז מע האָט זיי באַפֿרײַט

פֿון תּפֿיסה.

1864 " אין אַ צײַט פֿון אַ פֿאָר יאָר איז גאָלדע פֿון מיר
<u>גענוג</u> אויסגעשטאַנען, זי האָט געהאַט פֿון מיר די גאַל". קאנק
<u>מענדעלע, 12, 118</u>.

1907 " מיר האָבן זיך גוט אָנגעהעצקעט, <u>גענוג</u> אויסגעריסן
געוואָרן, אָבער מיר זענען געקומען". <u>שלום=עליכם,236,29</u>. 496

1929 " אַ גוטער ברודער האָט מיר דערציילט, אַז בילערס
איז געווען <u>גענוג</u>". <u>אבטשוק, 1, 123</u>. 671
1948 „אויך דאָס <u>גענוג</u> שוין אָפּ אין מיינע טעג". <u>סטגאַלאָוויטש, 12, 24</u>.

4. (<u>אויך: גענוג שוין/זאָל שוין זײַן גענוג</u>) –
ווענדונג, בקשה אָדער באַפֿעל אויפֿצוהערן עפּעס צו טאָן.
% קינדער, <u>גענוג</u>! הערט אויף צו טומלען!
(ב)רותי, <u>גענוג שוין</u> צו פּלאַפּלען, מע דאַרף רעדן תכלית.

1881 " <u>גענוג שוין</u> אים, ער האָט זיך שוין אָנגעשמאָקצעט
מיט שטאָטיקע בלוט". <u>סאַפּיר, 1, 13</u>. 572

1932 " האָסט ביכעלעך געלעזן? פֿע! לאַנגווײַליק!
אויפֿן ערשטן בלעטעלע אַ קוק, און <u>גענוג</u>!". 575
<u>שטיינבארג, 1, 208/281</u>.

קאַנק

1948 "גענוג, גענוג! – האָט אים דער בודאָטשניק

קאַנק אויף דער טיר אָנגעוויזן". נסתר, 6, 189.

0 איבער גענוג – אַדוו., פּר. פֿפֿ (זן) אַריבער גענוג.

מער ווי גענוג, מער וויפֿל מע דאַרף/מע קען, זייער

אַ סך, צו פֿיל. % געלט האָבן זיי איבער גענוג,

קענען זיי זיך אַלץ פֿאַרגינען.

... "ראיות דערויף איז אין דער וועלט=היסטאָריע

קאַנק דאָ איבער גענוג". מענדעלע, 15ב, 19.

1916 "די דריי קלייטן האָבן אים גענוג אַריינגעטראָגן

קאַנק צום לעבן. נאָך איבער גענוג". שלום=עליכם, 30, 156.

1951 "יעדער זאַך איז אָנגעפּראָפּט מיט אַזוי פֿיל לעבן,

542 אַז עס בלייבט איבער גענוג פֿאַרן לייענער אָנגעשטעקט

צו ווערן". ב. ריווקין, 2, 297.

**האבן (עס) גענוג (וואר: האבן פאר גענוג)** -
ניט וועלן מער (הערן, ליידן, איבערטראגן).
% אלע מאל געשרייען, זידלעריען, קריגעריי,
איך האב עס שוין גענוג, מע דארף אוועק פון דאנען.
[זיין ווייב א.א.ו״ק]" איצט איז שוין טעמערל ביין געווארן // און
שרייט צום האן מיט גרויסן צארן:// דו וועסט דאס 582
אלץ ניט גענוג האבן?// ווארט, איך וועל דיך בעסער
באגראבן". עטינגער, 3, 120.

1975 " ר׳ יויזל האט צו מארגנס ווידער געהאלטן א
דרשה, אבער כ׳האב שוין געהאט גענוג". באשעוויס, 98,6. קאנק

(ס׳איז) גענוג..., אז (ס׳זאל)... - מער דארף מען
ניט... אז עפעס זאל געשען. % ס׳איז גענוג געווען
איין קוק פון לערער, אז די קינדער זאלן גלייך שטיל
ווערן.

... "עס איז גענוג אַן אויג צו וואַרן, עס זאָל
שוואַרץ ווערן פֿאַר די אויגן". פּרץ, 12, 281. 504

1912 "עס איז אָבער גענוג נאָר אַ ברעקל איבערכאַפּן די
מאָס |...|, אַז פֿון דעם איינהייטלעכן אַמעריקאַנער
כאַראַקטער זאָל אַרויסקומען אַ קאַריקאַטור".
זשיטלאָווסקי, 2, 274.

1967 "ס'איז גענוג געווען זײַנער אַ ברום, אַז גאַנץ
בונימאָוויטשעס וועטקע זאָל אויפֿציטערן". 678
קאַרפּינאָוויטש, 1 .

גענוג (וואָס)... – חוץ דעם (וואָס)... (איז נאָך
עפּעס).

1902 "הענזל דער איינבינדער, גענוג ער הינקט אונטער
אויף אַ פֿוס, רעדט ער נאָך שעפּעליאָווע אויך". 471
שלום=עליכם, 28, 31.

1899 "גענוג וואס ער איז אַזוי רײַך, באַדאַרף ער האָבן

|...| אין גאַנצן צוויי קינדער, שוין אויסגעגעבענע". 466

שלום=עליכם, 16, 69.

ניט גענוג (וואָס)... – ניט בלויז .... נאָר...;

חוץ דעם וואָס...

1895 " ניט גענוג בין איך קיין עין=הרע געווען אַ

בעל=קומה |...|, האָט זי נאָך אויסגעזען אַקעגן 526

מיר ווי אַ פֿלעדערמויז אַקעגן אַן אָדלער".

לינעצקי, 9, 76.

1926 - 1930 " נישט גענוג וואָס דו ביסט אַ שווינדלער,

זרח, ביסטו נאָך אַ בלאָזען אויך!". אַפּאַטאַשו, 236,15. 568

גענוג און גענאַך – מער ווי גענוג, איבער גענוג.

83

שור: 'געגוג' האט רויטשילד. מע דארף וויסן ווען ס'איז געגוג. אלץ איז ביי יידן צו ווייניק, נאר שכל האט איטלעכער גענוג. פאר מיין בארשט איז גענוג די זויערקייט. א קלוגן איז גענוג מיטן ווונק, צו א נאר דארף מען א שטעקן.

גינוג/גינוגן/גינויגן.[ם]

Genuoc מה"ד: ~~1.~~ .1

א/431 ... "ודי - אונ' גנואק". רייכלין 8, משלי כז - כז.

" זולט איך גינוג געבן אל בור לופן בובן.// 15-4 [illegible]

592 מיר וואורד מיינם ולייש ניט אויבר בלייבן דיא

רובן". שמואל=בוך, סטראפע 622.

1676 " אונ' אייך איטליכש דער אזו רעט דער ברעט

658 הקדוש ברוך הוא אז ווען הקדוש ברוך הוא ניט קוינט

איטליכם גינויגן געבן". ברנט שפיגל, פרק כג.

1743 " אונ׳ |דער רייכער| דענקט איך הב געלט איך

הב כבוד איך הב עשין אונ׳ טרינקן גינוג אונ׳ 525

יענר דער פֿרום אין הט דעם דלות מוז צו מיר בעטלן גין".

<u>קב הישר, 2, דף ב - !!!.</u>

←---- .2

וועגלין " בייד וויינן אונ׳ שרייאן אונ׳ וויינן <u>גלייך</u>

<u>גינוג</u>. // ויל מעניך מאן אונ׳ ורויא זיך זעלברט 498

רויפט אונ׳ שלוג". <u>שמואל=בוך, סטראפֿע 80</u>.

1717 " עש איז אויך און מיגליך דש מיר דאש טייטש

פאר איין אידר מן <u>טייטליך גינוג</u> קענין בישרייבין". 483

<u>שיני ארטליכי גישיכטין, הקדמה.</u>

←---- .3

... " ער |המן| שפרך: ליבר הער, עש זיין יודן <u>גינויק</u>".

<u>מגילה=ליד, שורה 1055.</u> 446

| סוף XVI | " ער ווער איין יונגיר מאן וואלט דיא גנצי

501 וועלט איין רייזין אונ' שוינט געלט גינוגין פאר

דינין". זכרונות מרת גליקל האמ'ל, ז' 108.

1727 " אונ' ווען קייני עניים פורים דא זיין זעלט

529 היב דאש געלט אויף ביז עניים קומן עז גיבט בעוואר

ארמי גנוגן אין דער וועלט". שמחת הנפש II, דף ט'.

4. ←---

439 ... " רב - גנואק, כמ' רב לכם בני לוי (במדבר טז - ז)".

רייכלין 8, דברים א - ו'.

1721 " דוא זאלשט זאג גנוג צו דיא (יסורים) פון

510 דייני אויש דר ווילטי אונ' דייני צימליכי".

מחזור 2, דף רח - 1.

ג ע נ ו ג II - אַדי |גענוגע, גענוגער|. (דיאַל?)

גענוגנדיק, וויפֿל מע דאַרף, צופֿרידנשטעליק.

1866 " דאָס איז איין גענוגער משך אום אַרומצוקוקן

זיך אין אים אין גאַנס וועלט". דיק, 24, 3. 741

1936 " |...| ביט גענוגע מיטלען". איבז, מ.ווײַנרײַך, 2. 505

1948 " |...| איר פּנים איז געווען אַ גענוגער עדות

אויף דער מוראדיקער נויט |...|". נסתר, 6, 119. קאנק

|| גענוגקייט - די, בא. אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

גענוג. |בערעזניאַק|.

87. - גיל

?נ? ג ע נ ו ג ו נ ג - די, =ען. באַפֿרידיקונג, פֿאַרגעניגן.

1936 "...| אַ זיסקייט אַזאַ, אַ ליבקייט, אַ געגוגונג".

688 נאַדיר, 10, 181.

?גנ ■ |גענוגזאַם| ג י נ ו ג ז א ם - אַדי/אַדוו.

גענוג (ב 1), באַפרידיקנדיק.

1668 " אונ׳ פֿר וואר צו האשט גינוקזאַם גרוכן דיין
ראכונג דען עש זיין גישטורבן פֿיל מענשן פֿון 693
דיינם פֿאלק". יוסיפון, 3, דף קעח - 2.

1716 " אונ׳ ווער זיא גינוגזאמי ראיות ברענגן אויף
וועלכי דער שכל ווערט ביצייגן אויף איר קלארהייט 690
|...|". חובות הלבבות, הקדמה, דף י׳ - 1.

|| גינוגזאמליך - דזוו דפֿוו.

1668 " |...| ווייל עש זא גאר איין נוצליך ספר צו
לייאן איז וויא דען דש גנוך זאמליך |...| אן 695
גיצייגט ווערט". יוסיפון, 3, דף 3.

1774 " |...| זו פּיציענט גינוגזאמליך".
חבור לנער, דף כב - II. 698

גינוג זאמהייט - די. בא. א גענינגנדיקע,
באַפּרידיקנדיקע צאָל / מאָס.

1713 " |...| מיט גינוג זאמהייט פון מילך דר בריסט
זיא האט דיך פּעט גימאכט". מחזור, 1, רנד - 1. 697

גינוגזאמקייט - די. בא. באַפּרידיקונג, צופּרידנקייט.

1739 " אונ' (כבוד) קומט דורך גאטיס פורכט, אונ'
רייכטום בשיט איך גניגזאמקייט". 696
ס' מבחר הפנינים, דף מ"א - ז.

ג ע נ ו ג = ט ו י ו נ ג  –  <u>די, =ען.</u> <u>(עלט)</u> באַפֿרידיקונג,
סאַטיספֿאַקציע, צופֿרידן=שטעלונג, קאָמפּענסאַציע.
% פֿילן אַ <u>גענוג=טווּנג</u> פֿון דער אַרבעט.

1868 " דער מיניסטער האָט אָפּגעשאַצט דעם שאָדן, וואָס
די ייִדן האָבן געליטן, און האָט זיי צוגעזאָגט די 701
בעסטע <u>גענוג=טוּונג.</u> <u>~~צ׳ קמ׳~~ [פֿון ד״ד 177] ז׳ 290 – III.</u>

1967 " עס דאַרף מיט אַ באַזונדערער <u>גענוג=טוּונג</u>
אונטערגעשטראָכן ווערן |...|". <u>ד. פֿלינקער,</u> פֿון 69, 699
<u>~~צ׳ שמד,~~ IV/4.</u>

91 גז'

ג ע נ ו ג י ק - אַדי/אַדוו. דזוו גענוג, ב 1.

1927 " מע גיט זיך ניט אָפּ אַ גענוגיקן |...| מע

706 חשבון |...|". י. מאַרק, זש' נײַע וועגן.

1942 " איז, הייסט עס, גענוגיק דער שטאָך פֿון אַ

707 בלייכל,// עס זאָל דיך אין מיטן דערינען פֿאַרראַטן//

די זון אויף דער לאַנקע |...|". סוצקעווער, 3, ליד, "נאכן טויט".

1973 " אַ זייער קעגטיקער טייל פֿון געטאָ איז שוין

704 געלעגן פֿאַרשטעקט אין די מעלינעס און בונקערס,

און דאָס גיין 'פֿון הויז צו הויז' וואָלט בשום

אופֿן נישט געגעבן די גענוגיקע צאָל פֿאַר די טראַנספּאָרטן".

יזב גראַדנע, ז' 699 (פֿון ציקל 'גלות=לענדער, ב' IX).

|| גענוג(י)קייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ

פֿון זײַן גענוג.

גענוגן I - אוטוו. (עלט) זײַן גענוג; גענוגן. ?בנ?

1930 " דאָס געלט וועט אים גענוגן אויף אַ מילכיק עסן". 712
אש, 11, 151.

1948 " מע לייגט איין איר אַרײַן אַזוי פֿיל, וויפֿל מע
מיינט, אַז ס׳וועט גענוגן". נסתר, 6, 49. קאנק

1973 " פֿלאַצט ניט אַליין פֿון זיך אַ בלאָטער, דאַרף מען
אים האַקן |...|. גענוגט דאָס נישט, גיט מען אַ מאָל אַ 708
שניט מיט אַ בריטווע". בלומענטאַל, 1, 165.

גינוגן.

1602 " זיא גינוגן איבלש צו טון אביר וואול טון
וועלן זיא ניט לערנן". ס׳ ירמיה, ד - כב. 713

גמ־

93 גענוגן II - אדוו. (עלט) גענוג, בב 3/1.

1872 " מיר ליגט ניט פיל דעראן דאס ער איז מלך,

718 נייערט איך האב גענוגן וואס ער לעבט נאך".

צאינה=וראינה, פרשה ויגש.

ם גינוגן/גנוגן.

1626 " עש איז גינוגן (אם חרוצים ימיו) ווען זיינע

728 יאר דז ער לעבט זיין אויש גשפראכן אונ׳ דז זיא

איין גיזעץ האבן אונ׳ דז ער ניט איבג לעבט דאש

זעלביג איז גינוגן איין עונש". ס׳ המגיד, 1, איוב, יד־ה.

1743 " וא לאז שטין דיא (כהונה גדולה) אונ׳ האב

714 גינוגן מיט דיא שטול פון דש קיניגרייך".

יוסיפון, 4, דף עא.

|| <u>גינוגנהייט</u> - באפרידיקונג, פארגעניגן.

1771 " |...| דש עשין וואש מען ברויכט אליין וועגן

זיין <u>גינוגנהייט</u> אונ זיין גזעצטי שפייז". 729

<u>בן המלך והנזיר</u>.

<u>גינוגנקייט</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

1626 " אונ׳ עש ווערט דער פילט (ספקו) זיין <u>גינוגן קייט</u>

כלומר אז דר רשע נוא רייך איז אונ׳ האט גינוגן". 734

<u>ס׳ המגיד, 1, איוב, כ - כב</u>.

ג ע נ ו ג נ ד י ק  –  אדי/אדוו. פּפּ (דטשמ) געװגנד.
באַפרידיקנדיק, צופרידנשטעליק, וויפל ס'איז נייטיק
(אין סכום, מאָס, קוואַליטעט א"א). % צוליב די
רעגנס איז אין מאַרק ניטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל
פּרוכטן און גרינסן. מע האָט אָנגעגרייט אַ גענוגנדיקן
רעזערוו קוילן צו הייצן אויף ווינטער.

1943 " מורה האָנדיק, אַז ער זאָל ניט אַרויסלאָזן מיט
אַזוינס, וואָס פון אַזאַ איז זיך צו ריכטן – איז דאָך קאנק
אוודאי שוין אַ גענוגנדיקע סיבה געווען, אַז אַלע
בייוועזנדיקע זאָלן |...| בלאָס ווערן |...|".
נסתר, 5, 358.

1968 " אין לאַגער קאַרטשעוו איז אויך נישט געווען קיין
